# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................6:16
מוצאי יו"ט........................7:42

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................ישעיה ח'-ט'
בבלי........................מנחות נ"ז
ירושלמי.................ברכות ס"ג
תוספתא...............חולין פרק ג'
רמב"ם............מתנות עניים י'

פרשת בראשית, כ"ז תשרי, מברכים חודש חשון, שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 4 (364)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ.** דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א', ט"ו) דִי בֵּית שַׁמַּאי זָאגְן אַז דִי הִימְל אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן דֶערְנָאךְ דִי עֶרְד, אוּן דִי בֵּית הִלֵּל זָאגְן אַז דִי עֶרְד אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן דֶערְנָאךְ דִי הִימְל, קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוּן עֶר זָאגְט: אִיךְ וואוּנְדֶער מִיךְ וִוי אַזוֹי דִי בֵּית שַׁמַּאי אוּן בֵּית הִלֵּל קְרִיגְן זִיךְ וָואס עֶס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, וַוייל אִיךְ זָאג אַז בֵּיידֶע זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי אַ טָאפּ מִיטְן דֶעקְל.

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סֵיי מִיט רוּחְנִיוּת אוּן סֵיי מִיט גַשְׁמִיוּת, וֶוען אַ אִיד וִויל זַיין עֶרְלִיךְ דַארְף עֶר נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן זַיין גַאנְצֶע גַשְׁמִיוּת, נָאר פַארְקֶערְט, מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט דִי גַשְׁמִיוּת, וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין מֶדְרָשׁ, דִי בֵּית שַׁמַּאי זֶענֶען דָאךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען מִיט הַארְבְּקֵייט, מִיט שְׁטְרֶענְגְקֵייט, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעהַאלְטְן אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר מִיט רוּחְנִיוּת, מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, דֶערְפַאר זָאגְן זֵיי אַז דִי הִימְל אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פְרִיעֶר, אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר מִיט הִימְל זַאכְן.

וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת לא.) אַז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען גֵרִים צוּ שַׁמַּאי זִיךְ צוּ מְגַיֵּיר זַיין הָאט עֶר זֵיי אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט, אָבֶּער הִלֵּל הָאט זֵיי יָא מְקָרֵב גֶעוֶוען, וַוייל זַיין שִׁיטָה אִיז גֶעוֶוען צוּ מְקָרֵב זַיין אֲפִילוּ דִי וָואס לִיגְן נָאךְ אִין גַשְׁמִיוּת, דֶערְפַאר זָאגְט עֶר אַז דִי עֶרְד אִיז פְרִיעֶר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט עֶרְד זַאכְן, מִיט גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן.

קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוּן זָאגְט: אִיךְ פַארְשְׁטֵיי בִּכְלַל נִישְׁט דִי גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶת, עֶס אִיז אַלֶעס אֵיינְס, גַשְׁמִיוּת מִיט רוּחְנִיוּת, מֶען קֶען מִיט אַלֶעס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען לֶעבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיךְ, וִוי לַאנְג מֶען גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶען פִירְט זִיךְ וִוי דִי הֲלָכָה הֵייסְט.

דֶערְפַאר זָאגְט עֶר דִי הִימְל אוּן עֶרְד זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם וִוי אַ טָאפּ מִיטְן דֶעקְל, וַוייל עֶס אִיז אַלֶעס אֵיינְס.

ווארוּל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל אִין יֶעדֶע מַצָּב, אוּן מִיט אַלֶעס קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית בְּרֵאשִׁית תשס"ח לפ"ק)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית

דֶעם שַׁבָּת רוּפְט מֶען "שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית", דָאס אִיז נִישְׁט נָאר וַוייל מֶען לֵיינְט דִי וָואךְ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, נָאר אוֹיךְ וַוייל דֶער שַׁבָּת אִיז "רֵאשִׁית" - דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר, מִיט דֶעם הֵייבְּט מֶען אָן דִי יָאר, עֶס אִיז דֶער קָאפּ פוּנֶעם יָאר, וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דֶעם שַׁבָּת אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דֶער גוּף גֵייט נָאכְ'ן קָאפּ.

דֶערְפַאר אִיז גוּט דֶעם שַׁבָּת אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן אַ פְּלַאן וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי יָאר וָואס קוּמְט מִיט גוּטֶע

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַ מֶענְטְשׁ וָואס לַיידְט אוֹיף גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוֹיבּ וֶועט עֶר נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וֶועט עֶר וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, נִישְׁט סְתַּם אוֹיסְגֶעהֵיילְט נָאר עֶר וֶועט זַיין גֶעזוּנְטֶער וִוי סְתַּם אֵיינֶער וָואס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין בְּרָכָה, דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת! אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין בֵּייגֶעוואוינְט צֶענְדְלִיגֶער מָאל, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס אִיז אַן אוֹיבֶּער חָכָם, עֶר אִיז קְלוּגֶער פוּן רֶבִּ'ין, בַּיי אִים אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן אֱמוּנָה צוּ פָּשׁוּט וְכוּ', אַזַא אֵיינֶער וֶועט נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן אֲפִילוּ עֶר וֶועט טְרֶעפְן דֶעם גְרֶעסְטְן טֶערֶעפִּיסְט, דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת וָואס מֶען קֶען זִיךְ מִיט דֶעם נִישְׁט דִינְגֶען.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּ צוּקוּמֶען - אִיז צוּ אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַחֲלוֹת אוּן זֵיי לַיידְן נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ - גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וָואס זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם פוּן דִי סָארְט מַחֲלוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמֶען פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, אַזַא אֵיינֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִילָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסּוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶער רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, זָאל אִיךְ זִיךְ אַרַיינְלָאזְן אִין לַאטֶערִיעֶס אוּן גֶעמְבְּלִינְג?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן קוֹיפְן דִי לַאטֶערִי, אָדֶער פַארְשִׁידֶענֶע אַנְדֶערֶע גוֹרָלוֹת, וִוי אוֹיךְ אִיז דָא גֶעוִויסֶע פַארְמֶעסְטְן וואו מְ'צָאלְט אַרַיין גֶעלְט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן אַז אוֹיבּ סְ'וֶועט זַיין אַזוֹי אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען גֶעוִוינֶען אַסַאךְ גֶעלְט, ווייל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען אוֹיסְגֶעהַאלְטְן עַל פִּי הֲלָכָה.

לֶעצְטְנְס גֵייט מִיר שְׁוֶוער אִין פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרַיינְגֶעלָאזְט אִין דִי זַאכְן, אִיךְ וֵוייס אָבֶער נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז דָאס גָאר אִין כְּלַל פוּן הִשְׁתַּדְלוּת פַאר פַּרְנָסָה.

אִיךְ הֶער אַז סְ'זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן פַארְקוֹיפְט פַאר דֶעם אוּן זֵיי פַאלְן אַרַיין אִין גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶעט מֶען אָבֶער בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס לֵייגְן זִיךְ אַרַיין אִין בִּיזְנֶעס אַז זֵיי קֶענֶען אוֹיךְ אַרַיינְפַאלְן אִין חוֹבוֹת, אוּן אֶפְשָׁר אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה אַז מְ'זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְקוֹיפְט פַאר דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ, אַהֲרֹן.

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַהֲרֹן נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "תִּיקוּן הַכְּלָלִי" - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען צוּ מְתַקֵּן זַיין פְּגַם הַבְּרִית [קַאפִּיטְל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ]; וַוייל דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה קוּמְט וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט מְתַקֵּן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי - פְּגַם הַבְּרִית.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט וֶועט עֶר זַיין אַן אָרִימַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָּל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרִימַאן; אוּן אַז מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים פַארְרֶעכְט מֶען וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַּרְנָסָה בְּנָקֵל (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כט).

אַז דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן

<<<<<<

>>>>>>

זַאכְן, מִיט רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה. אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן "דִּבְרֵי חַיִּים" זי"ע אַז אִין שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית הָאט עֶר זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

אוֹיבּ מֶען וֶועט אוֹיסְנִיצְן דֶעם שַׁבָּת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט גוּטֶע רְצוֹנוֹת, וָואס מֶען ווִיל דָאס יָאר טוּן, וֶועט נָאכְדֶעם קוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר, פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

לָאמִיר אִיבֶּערְגֵיין עֶטְלִיכֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ פָארְנֶעמֶען יֶעצְט, שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית, אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

### דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף זִיךְ אַ אִיד פָארְנֶעמֶען צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, מֶען זֶעט אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) אַז דַאוֶוענֶען אִיז גָאר אַ הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע זַאךְ אָבֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, מֶען אִיז זִיךְ מוֹרֶה הֶיתֵּר צוּ דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְהֵיים בְּיְחִידוּת, אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר, עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, קְדוּשָׁה, בָּרְכוּ, אוּן קְרִיאַת הַתּוֹרָה. אוּן בֶּאֱמֶת אִיז שׁוֹין הַיינְט נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וַוייל הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא כִּמְעַט אוֹיף יֶעדֶע גַאס אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן עֶס אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן גָאר פְרִי בִּיז גָאר שְׁפֶּעט, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶוענֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אָבֶער לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וָואס הָאסְטוּ צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען? דוּ וֵוייסְט דָאךְ יָא וִוי אַזוֹי דוּ זֶעסְט אוֹיס, דוּ בִּיזְט דָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ בִּיזְט פוּל מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן דָא קוּמְסְטוּ דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט אַזַא דַאוֶוענֶען", אָבֶער דָאס אִיז נָאר דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרַע וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אוֹיבּ בִּין אִיךְ טַאקֶע אַזוֹי שְׁלֶעכְט, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ טוּן וָואס אִיךְ קֶען יָא, אִיךְ וֶועל כָאטְשׁ דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת טז.) אַז דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זֶענֶען וִוי אַ מִקְוֶה וָואס רֵיינִיגְט אוּן הֵיילִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערְפַאר אוֹיבּ בִּין אִיךְ פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, וֶועל אִיךְ הֶערְשְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין שְׁלֶעכְטְס.

### מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלֶע מִינֵי סְגוּלוֹת פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, אוּן דָא אִיז דָא אַ סְגוּלָה פוּן חַזַ"ל, וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו, זֶעט מֶען אַ קְלָארֶע צוּזָאג פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז וֶוער עֶס וֶועט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וֶועט לֶעבְּן לַאנְג.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִי' רפ"ה סְעִיף ג') אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם) אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דָאס מֵיינְט אַז זוּנְטָאג אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהֵייבּ סֶדְרָה בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז פְרַייטָאג עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

כָאטְשׁ דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְרַייטָאג, דַארְף מֶען אָבֶער קוּקְן אוֹיף דִי מְצִיאוּת, פַּאקְטִישׁ זֶעהט מֶען בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי קוּרְצֶע ווִינְטֶער פְרַייטָאגְס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, וַוייל מֶען ווִיל עֶס נָאר טוּן פְרַייטָאג.

> דֶער צַדִּיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה'קֶע זְוֶועהִילֶער זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן: וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט אַ דַף גְּמָרָא אַ טָאג הָאט אַ צוּרָה פוּן אַ בְּהֵמָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן

דֶערְפַאר קֶען מֶען זִיךְ בַּיי דֶעם פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פָּשׁוּט'עֶ הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ.

### זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת

יֶעצְט אִין "שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית" אִיז דִי צַייט אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת, אַ יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק אָדֶער צְוֵויי, יֶעדֶער אֵיינֶער וִויפִיל עֶר קֶען, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהוֹיבּ מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ דוּרְכְגֵיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בִּיז מַסֶּכֶת עוּקְצִין, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

מִשְׁנַיּוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דְרֵייט אִים אִיבֶּער צוּ וֶוערְן גוּט, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶּה, עֶס טוֹישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן, דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (מוּבָא בְּמִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִינוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיּוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין דָארְט, נָאר עֶר פִירְט אִים צוּ זִיךְ אִין גַן עֵדֶן, אוּן אַזוֹי זֶעט מֶען אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל')

<<<<<<

>>>>>>

הֶעֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָה, מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת.

### גְּמָרָא

אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט פָארְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְּמָרָא חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְּמָרָא וֶוערְט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי פִיר גְּרוֹיס מַלְאָכִים וָואס הִיטְן אִים פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַחַיִּים (לְאָחִיו שֶׁל הַמַּהֲרַ"ל מִפְּרַאג זַ"ל) אַז גְּמָרָא אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל.

וּבִפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְּמָרָא יֶעדְן טָאג, דָאס גֶעבְּט אִים אַ צוּרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ, ווִי דֶער צַדִּיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה'קֶע זְוֶועהִילֶער זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט אַ דַף גְּמָרָא אַ טָאג הָאט אַ צוּרָה פוּן אַ בְּהֵמָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶערְפַאר לֶערְנְט מֶען דֶעם שַׁבָּת אַ בְּלַאט גְּמָרָא, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַ גַאנְץ יָאר לֶערְנֶען גְּמָרָא.

### מֶדְרָשׁ

אוֹיךְ אִיז גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ יֶעדְן טָאג, מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, דִי מִדְרָשִׁים זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר, אוּן עֶס אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן גָאר אַסַאךְ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה. דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט זָאגְן פְּשַׁט אִין מֶדְרָשׁ, וַוייל דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם זֹהַר, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, אָבֶּער אוֹיף מֶדְרָשׁ וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן פְּשַׁט, דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיקְל בִּיז בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט עֶנְדִיגְט מֶען דֶעם גַאנְצְן מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי פִיר שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ, הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה פַאר זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת וָואס יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב, וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים - מִטַּל הַשָּׁמַיִם - וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ - וְרֹב דָּגָן - וְתִירֹשׁ, וָואס דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס"ו, ג) מִטַּל הַשָּׁמַיִם - דָאס אִיז מִקְרָא. וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ - דָאס אִיז מִשְׁנָה, וְרֹב דָּגָן - דָאס אִיז גְּמָרָא, וְתִירֹשׁ - דָאס אִיז מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי לִימוּדִים אִין דֶעם שַׁבָּת וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים שִׁיקְן אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אוֹיף אֵייבִּיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שב"ק בַּבּוֹקֶר פ' בְּרֵאשִׁית תשס"ט לפ"ק)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (ז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַלֶץ לֶערְנֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל.**

### לט

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם אַז סְ'אִיז גוּט צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, מְ'זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן צוּפִיל אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אוּן מְדַקְדֵק זַיין אִין יֶעדֶע זַאךְ בַּיים לֶערְנֶען, נָאר מְ'זָאל לֶערְנֶען פָּשׁוּט אוּן שְׁנֶעל אוּן פְרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעצְט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, נִישְׁט פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת פוּן אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן. אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַז מְ'פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס מְ'לֶערְנְט, זָאל מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן דָארְט שְׁטֶעקְן נָאר גֵיין וַוייטֶער, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ וֶועט מֶען דָאס שׁוֹין שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ רוּקְן וַוייטֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז בַּיים לֶערְנֶען דַארְף מֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִין דִי רֵייעֶ, אוּן מְ'וֶועט שׁוֹין מְמֵילָא פַארְשְׁטֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר וֶועט נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער בִּיז עֶר פַארְשְׁטֵייט דֶעם שְׁטִיקְל, דַאן וֶועט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ בְּלַייבְּן מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט אוּן בִּכְלַל גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין. מְ'דַארְף נָאר אַרַיינְלֵייגְן דֶעם קָאפּ אוּן מֹחַ אִין דֶעם וָואס מְ'לֶערְנְט, אוּן פָּשׁוּט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען שׁוֹין מְמֵילָא אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין, אוּן אוֹיבּ הָאט מֶען יֶעצְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען עֶפֶּעס, וֶועט מֶען עֶס שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין, אוּן אֲפִילוּ סְ'וֶועט זַיין זַאכְן וָואס מֶען וֶועט שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל דִי חֲשִׁיבוּת פוּן לֶערְנֶען אוּן אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ תּוֹרָה שְׁטֵייגְט אַלֶעס אִיבֶּער.

חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה י"ט.) "וְאָמַר רָבָא לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ, וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַאי קָאָמַר, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִילִים קי"ט, כ') גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה, גָּרְסָה כְּתִיב וְלֹא כְּתִיב טָחֲנָה" - אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען, אֲפִילוּ עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט שְׁנֶעל, וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען אִיבֶּערְגֵיין אַסַאךְ מָאל דִי אַלֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, עֶר וֶועט זֵיי עֶנְדִיגְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר שׁוֹין מְמֵילָא פַארְשְׁטֵיין דִי צְוֵוייטֶע אוּן דְרִיטֶע מָאל אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם, סְ'שְׁוֶוער אַלֶעס אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן, דָאס אִיז אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֵייעֶר אַ גוּטֶע עֵצָה אוּן אַ גוּטֶע וֶועג ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ

<<<<<<

>>>>>>

טָאג; גֵיי אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר גֶעבְּן פַּרְנָסָה גְרִינְגֶערְהֵייט, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ, וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין אִיז עֶס מִיר נִישְׁט גֶענוּג".

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין זִיסֶערֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵויינְט צוּ אִים אוּן עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה.

מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מג, ל): "וַיָּבֹא הַחַדְרָה וַיֵּבְךְּ שָׁמָּה", נָאכְדֶעם שְׁטֵייט (שָׁם, לא): "וַיִּרְחַץ פָּנָיו, וַיֵּצֵא וַיִּתְאַפַּק, וַיֹּאמֶר שִׂימוּ לָחֶם"; וַוייל דִי טְרֶערְן וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַואשְׁט זִיךְ אָפּ דֶערְמִיט זַיין פָּנִים, דָאס נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּ גֶעוואוֹינֶען צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, דוּ וֶועסְט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן דַיין לֶעבְּן, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס גֵייט אַנְדֶערְשׁ ווִי דוּ ווִילְסְט עֶס זָאל גֵיין, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סח): "כַּעַס אִיז מַזִּיק דִי פַּרְנָסָה".

מִיר זָאגְן דְרֵיי מָאל טָאג דֶעם מִזְמוֹר "תְּהִלָּה לְדָוִד" (תְּהִלִים, קמה); וֶוען מֶען זָאגְט פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ דַארְף מֶען אִינְזִינֶען הָאבְּן דֶעם שֵׁם פוּן חַתָּ"ךְ אַפִּ"י, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוּן סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ אִיז חַתָּ"ךְ אַפִּ"י, דֶער שֵׁם אִיז מְסוּגָל אוֹיף פַּרְנָסָה; וַוייל אַז מֶען שְׁנַיידְט אָפּ [חוֹתֵךְ] דֶעם צָארְן [אַפִּי] וָואס דָאס אִיז דִי כַּעַס, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען שְׁנַיידְט נִישְׁט אָפּ דֶעם אַפִּי פַארְלִירְט מֶען דִי פַּרְנָסָה.

לָאז דִיךְ אָפּ פוּן דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת פוּן לַאטֶערִיעֶס אוּן אַנְדֶערֶע סָארְט גֶעמְבְּלְס; דָאס אִיז אַלֶעס אַ שְׁפִּיל פוּנֶעם שָׂטָן ווִי אַזוֹי צוּ פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן. וֵויי פַאר דִי וָואס פַאלְן אַרַיין אִין דֶעם בִּיטֶערְן נֶעץ, מֶען פַארְלִירְט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן נָאכְדֶעם פַארְלִירְט מֶען דָאס לֶעבְּן הַשֵּׁם יְרַחֵם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן אַ יָאר מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע.**

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' הַאֲזִינוּ תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

תּוֹרָה, אוּן עֶר וֶועט עֶס נָאךְ בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין וִוי אֵיינֶער וָואס לֶערְנֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק בְּעִיוּן אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ בַּיי יֶעדְן שְׁטִיקֶל בַּאזוּנְדֶער.

דָאס לֶערְנֶען מִיט צוּפִיל עִיוּן צֶעמִישְׁט זֵייעֶר דֶעם מֶענְטְשׁ, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם, וַוייל זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ גֶעוָואלְט אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן מָאס קְלָארְקֵייט, אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט. וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אָבֶּער דֶעם וֶועג אוּן עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה מִיט אַ שְׁנֶעלְקֵייט פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, דַאן וֶועט זִיךְ דִי תּוֹרָה הַאלְטְן בַּיי אִים, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, גְּמָרָא אוּן פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ אוּן מִדְרָשִׁים, סִפְרֵי זוֹהַר אוּן קַבָּלָה, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע סְפָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

## מ

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶערֶעכְנְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַלְץ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אַזוֹי סַאךְ אַז סְ'אִיז אֲפִילוּ נִישְׁטָא גֶענוּג צַייט אִין טָאג פַאר דֶעם. עֶר הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַז מְ'דַארְף עֶנְדִיגְן יֶעדֶעס יָאר גַאנְץ שַ"ס מִיטְ'ן רִי"ף אוּן רֹא"שׁ, ד' חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע מְפוֹרְשִׁים, אַלֶע מִדְרָשִׁים אוּן אַלֶע סִפְרֵי הַזוֹהַר אוּן תִּקּוּנִים אוּן זֹהַר חָדָשׁ, אַלֶע סִפְרֵי קַבָּלָה פוּן אֲרִיזַ"ל, אוּן אוֹיסֶער דֶעם דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַ שְׁטִיקֶל שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל בְּעִיוּן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר אוֹיסְגֶערֶעכְנְט נָאךְ פִילֶע זַאכְן וָואס מְ'דַארְף אַלְץ לֶערְנֶען. וִוי אוֹיךְ דַארְף מֶען זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, מִיט אַסַאךְ תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ.

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי נָאכְאַמָאל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז מְ'דַארְף לֶערְנֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל מִיט זְרִיזוּת, אוּן זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין מִיט דִקְדּוּקִים פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן.

אוּן וִוי סְ'שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אִיז דָאס בָּדוּק וּמְנֻסֶּה, וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ אִין לֶערְנֶען.

## מא

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַז מְ'זָאל גְלַייךְ אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן וָואס מְ'הָאט גֶעלֶערְנְט, נָאר מְ'זָאל אַלֶעמָאל גֵיין אִין אַ סֵדֶר, אָנְהוֹיבְּן דֶעם סֵפֶר פוּן אָנְהוֹיבּ אוּן גֵיין אִין דִי רֵייעֶ וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער בִּיז מְ'עֶנְדִיגְט דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר, אוּן עֶרְשְׁט דַאן זָאל מֶען אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל דֶעם סֵפֶר פוּן אָנְהוֹיבּ אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## הערליכע יום טוב סוכות ביי אנשי שלומינו

גאר א שיינער יום טוב איז אריבער אויף אנשי שלומינו דעם סוכות, ווען מיר האבן געשעפט פרישע כוחות און חיזוק פונעם יום טוב, וואס דאס וועט אונז באגלייטן אויפ'ן גאנצן יאר.

מיטוואך אוונט חוה"מ איז פארגעקומען דער סעודת הילולא צו די יארצייט פון הייליגן רבי'ן, אין די גרויסע סוכה אין הויף פון בית המדרש אין וויליאמסבורג. עס זענען זיך צוזאמגעקומען פילע אנשי שלומינו, א קאפעליע האט מהנה געווען דעם עולם מיט שיינע ניגונים לכבוד יום טוב. דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט דברות קודש, ארויסברענגנדיג ווי פיל מ'דארף דאנקען דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע מתנה אז מיר האבן דעם הייליגן רבי'ן, יעדער מענטש אויף דער וועלט מוטשעט זיך, כאטש פון אינדרויסן קען זיך דאכטן ווי יעדן גייט גוט און נאר פאר מיר גייט עס נישט ווי איך וויל, איז אבער דער אמת אז יעדער האט זיינע אייגענע שוועריקייטן און נסיונות אין לעבן, ברוחניות און בגשמיות, און מיט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, קען יעדער איד זיך שטעלן אויף די פיס און מצליח זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

נאכ'ן בענטשן איז מען ארויף אין בית המדרש וואו מען האט געטאנצן און זיך געפריידט בשמחת בית השואבה.

אויף די צווייטע טעג יום טוב זענען ארייגעקומען פילע אנשי שלומינו אויף וויליאמסבורג מיטצוהאלטן די געהויבענע טעג פון יום טוב צווישן אנשי שלומינו.

די הקפות האט מען געטאנצן מיט גרויס פרייד, מען האט זיך געפריידט מיט די הייליגע תורה, אז מען האט זוכה געווען די גאנצע יאר צו לערנען אסאך די הייליגע תורה, און אז עס קומט א פרישע יאר וואס מען וועט אנפילן מיט אסאך לימוד התורה און מיט מצות ומעשים טובים.

במשך דעם יום טוב האבן מיר געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א. ביי נעילת החג האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט אז אזוי ווי עס הויבט זיך אן דער נייער יאר, זאלן מיר זיך נישט לאזן נארן, נאר מיר זאלן אנהויבן מיט א פרישקייט צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, און דאן ווען עס וועט קומען דעם קומענדיגן יאר שמחת תורה וועלן מיר זיך האבן מיט וואס צו פרייען אז מיר האבן אנגעפילט דאס יאר מיט גוטע זאכן, און ווען עס וועט קומען דער לעצטער טאג פונעם מענטש וועט ער האבן מיט וואס צו גיין צום טיש, ווייל נאר די תורה און מצות וואס דער מענטש כאפט אריין אויף די וועלט, נאר דאס בלייבט פון אים, און נאר דאס נעמט מען מיט אויף יענע וועלט.

ספעציעל דער ענין פון מעביר סדרה זיין די פרשת השבוע יעדע וואך, א זאך וואס איז ליידער זייער נאכגעלאזט ביי אסאך מענטשן, און די סיבה דערצו איז ווייל מען וויל עס טון דוקא פרייטאג, און מען יאגט נישט אן דאס צו פארענדיגן. ווען מען זאל ווען אבער טון אזוי ווי דער שלחן ערוך לערנט אונז, אז פון זונטאג קען מען שוין אנהויבן מעביר סדרה זיין די וואכעדיגע פרשה, וואלט דאס יעדער איד געקענט באוויזן. זונטאג לערנט מען ביז שני און מאנטאג ביז שלישי, און אזוי ווייטער די גאנצע וואך, און ווען עס קומט סוף וואך האט מען געענדיגט די גאנצע סדרה. אויסער דער חיוב וואס ס'איז דא צו לערנען די פרשה יעדע וואך שנים מקרא ואחד תרגום, איז מען אויך זוכה צו די געוואלדיגע הבטחה וואס חז"ל זאגן צו: "כל המשלים פרשיותיו עם הציבור, משלימין לו ימיו ושנותיו"- אז ווען א איד איז מעביר סדרה איז ער זוכה צו א גוטע לאנגע לעבן.

דער הערליכער יום טוב האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם אויף אנשי שלומינו וועלכע האבן געשעפט פרישע חיזוק והתעוררות צום נייעם יאר.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

## כוס תנחומין

מיר ווילן אויסדרוקן אונזער טיפסטע טרייסט וואונטשן פאר

**מוה"ר אברהם חיים פארקאש שליט"א וזוגתו תחי'**

**און פאר די גאנצע משפחה**

**וועלכע טרויערן אויף די פטירה פון זייער זון/ברודער/טאטע**

**הרה"ח ר' קלונימוס קלמן רפאל ז"ל ב"ר אברהם חיים שליט"א**

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים, מ'זאל מער נישט וויסן פון קיין צער און צרות, ס'איז נאר זיין שמחות ביי אידישע קינדער, ויה"ר שיבולע המות לנצח בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **מנשה איצקאוויטש** הי"ו

**צו זיין געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

# הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

## אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך > 212-444-9191 /**
845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


**הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן**